בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת וירא
יז מרחשון
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 6
(58)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי:

מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אֵיין מֶלֶךְ. אִיז בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ גִיוֶוען אֵיין שִׁפְחָה. וָואס זִי הָאט בַּאדִינְט דִי מַלְכָּה (מִן הַסְתַם קֵין קֶעכֶערְן טָאר נִיט אַרַיין קוּמֶען צוּם מֶלֶךְ. נָאר דִי שִׁפְחָה הָאט גִיהַאט עֶפֶּעס אֵיין אַנֶדער דִינְסְט. אַ קְלֵיינֶע דִינְסְט) אִיז גִיקוּמֶען דִי צַייט וָואס דִי מַלְכָּה הָאט בַּאדַארְפְט הָאבְּן אֵיין קִינְד. אוּן דִי שִׁפְחָה הָאט אוֹיךְ בַּאדַארְפְט צוּ גְוִוינֶען אִין דֶער צַייט. אִיז גִיגַאנְגֶען דִי בָּאבֶּע אוּן הָאט אִיבֶּערְגִיבִּיטְן דִי קִינְדֶער. כְּדֵי זִי זָאל זֶעהֶן וָואס דָא וֶועט זִיךְ טָאן. וָואס דֶערְפוּן וֶועט אַרוֹיס וַואקְסְן. אוּן זִי הָאט גִינוּמֶען דָאס קִינְד פוּן דֶעם מֶלֶךְ אוּן הָאט אַנִידֶער גִילֵייגְט לֶעבְּן דֶער שִׁפְחָה. אוּן דָאס קִינְד פוּן דֶער שִׁפְחָה הָאט זִי גִילֵייגְט לֶעבְּן דֶער מַלְכָּה.

דֶערְנָאךְ הָאבְּן אָן גִיהוֹיבְּן דִי קִינְדֶער אוּנְטֶער צוּ וַואקְסְן. אוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ דָאס קִינְד וָואס סֶע דֶערְוַואקְסְן גִיוָוארְן בַּאם מֶלֶךְ וָואס מֶען הָאט גִימֵיינְט אַז דָאס אִיז דֶער זוּן פוּן דֶעם מֶלֶךְ) הָאט מֶען אִים מְגַדֵל גִיוֶוען (דְהַיְינוּ גִיגְרֵייסְט) אוּן אוֹיפְגִיהוֹיבְּן אַלֶע מָאל הֶעכֶער הֶעכֶער. בִּיז עֶר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס גִיוָוארְן אוּן עֶר אִיז גִיוֶוען אֵיין גְרוֹסֶער בְּרִיָה. אוּן דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה (דְהַיְינוּ דֶער וָואס עֶר אִיז דֶערְצוֹיגְן גִיוָוארְן בַּיי דֶער שִׁפְחָה וָואס צוּם אֱמֶת אִיז עֶר גִיוֶוען דֶער זוּן פוּן דֶעם מֶלֶךְ כַּנַ"ל) אִיז אוֹיךְ דֶערְוַואקְסְן גִיוָוארְן בַּיי דֶער שִׁפְחָה. אוּן דִי בֵּיידֶע קִינְדֶער הָאבְּן גִילֶערְנְט אִין אֵיינֶעם אִין אֵיין חֵדֶר. אוּן דֶער אֱמֶתִּיר בֶּן מֶלֶךְ (וָואס עֶר וֶוערְט אָנְגִירוּפְן בֶּן הַשִּׁפְחָה) הָאט זִיךְ זַיין טֶבַע גִיצוֹיגְן צוּם נִימוּס פוּן אֵיין מַלְכוּת נָאר עֶר אִיז מְגוּדָל גִיוָוארְן בַּיי דֶעם עֶבֶד אִין שְׁטוּבּ. אוּן פַּארְקֶערְט דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה (וָואס עֶר וֶוערְט אָנְגִירוּפְן בֶּן הַמֶּלֶךְ) הָאט

<<<

## חִינוּךְ ווִינְקְל

### אַ קִינְדְ'ס מֹחַ

טַייעֶרֶע מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס. אִיךְ ווִיל עֶנְק מְחַזֵק זַיין, אִיר זָאלְט גֶעדֶענְקֶן אַז 'קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער'; קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי, אַ קִינְדְ'ס מֹחַ אִיז עֶרְגֶעץ אִין אַ אַנְדֶערֶע פְּלַאץ נִישְׁט ווִי אַ דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן'ס מֹחַ, דֶערְפַאר דַארְף מֶען הָאבְּן אַייזֶערְנֶע גֶעדוּלְד אוּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוְון צוּ קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעפְּלַאצְט פוּן זֵיי.

### ווִיפִיל מָאל דַארְף אִיךְ דִיר זָאגְן?!

צוּ קִינְדֶער דַארְף מֶען רֶעדְן אוּן רֶעדְן אוּן נָאכְאַמָאל רֶעדְן. דֶער מְלַמֵד כַאפְּט נִישְׁט וָואס עֶר טוּט, עֶר שְׁרֵייט אוֹיפְ'ן קִינְד: "ווִיפִיל מָאל דַארְף אִיךְ דִיר זָאגְן?!" "דוּ הֶערְסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעד צוּ דִיר?!" אוּן גֶעבְּט נָאךְ צוּ אַ צוּפּ, אַ צִי אִין אוֹיעֶר, אַ שְׁטוֹיס וְכַדוֹמֶה, דַארְף עֶר ווִיסְן, יֶעצְט אִיז דָאס קִינְד נָאךְ קְלֵיין קֶען עֶר נָאכְנִישְׁט צוּרִיק גֶעבְּן פַארְ'ן מְלַמֵד, אָבֶער וֶוען דָאס קִינְד וֶועט אוֹיפְוַואקְסְן קֶען פַּאסִירְן עֶר זָאל חַס וְשָׁלוֹם אַלֶעס אָפְּלָאזְן, טַאטֶע מַאמֶע, בֵּית הַמֶדְרָשׁ, תְּפִילִין, צְנִיעוּת הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

### קִינְדֶער מַאכְן אַ בַּאגְלֵייטְן

עֶס אִיז גְרִינְג צוּ הַאלְטְן דְרָשׁוֹת פוּן הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער אָבֶער עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס מְקַיֵים צוּ זַיין, אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד. אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד, פְלֶעגְט דֶער מְנַהֵל הַאלְטְן שֵׁיינֶע דְרָשׁוֹת פַאר מְלַמְדִים פוּן הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער אוּן מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אֵיין טָאג הָאט דֶער כִּתָּה ג מְלַמֵד גֶעהַאט אַ ווִיכְטִיגֶע סִיבָּה אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען אִין חֵדֶר, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם מְנַהֵל צִי עֶר קֶען זַיין אַ 'בִּמְקוֹם' פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה, דֶער מְנַהֵל הָאט עֶס אָנְגֶענוּמֶען, כִּתָּה ג זֶענֶען זִיבְּן אַכְט יֶערִיגֶע קִינְדֶער, עֶס גֵייט דוּרְךְ אַ קוּרְצֶע צַייט אוּן מֶען זֶעט ווִי אַלֶע קִינְדֶער מַאכְן אַ בַּאגְלֵייטְן, מֶען בַּאגְלֵייט אַרוֹיס דֶעם מְנַהֵל פוּן כִּתָּה מִיט גֶעזַאנְג... לָאמִיר זֶען וֶוער דוּ צֶעפָּארְן פוּן דִי קִינְדֶער, וֶוער דוּ

<<<

זִיךְ זַיין טֶבַע גִיצוֹיגְן צוּ אֵיין אַנְדֶער נִימוּס נִיט אַזוֹי וִוי דֶער נִימוּס פוּן אֵיין מֶלֶךְ אִיז. נָאר עֶר אִיז מְגוּדָל גִיוָוארִין בַּיי דֶעם מֶלֶךְ אִין שְׁטוּבּ. הָאט עֶר זִיךְ גִימוּזְט פִירְן מִיט דֶעם נִימוּס פוּן אֵיין מַלְכוּת. וָוארְן מֶע הָאט אִים אַזוֹי גִיפִירְט מִיט דֶעם נִימוּס.

אוּן דִי בָּאבֶּע מַחְמַת נָשִׁים דַעְתָּן קַלּוֹת (דְהַיינוּ וַוייבֶּער הָאבְּן אֵיין גְרִינְגֶע דֵעָה) כְּלוֹמַר זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִיט אַיינְהַאלְטְן. אִיז זִי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אוֹיסְגִיזָאגְט דֶעם סוֹד פַאר אֵיין מֶענְשְׁן. כַּאֲשֶׁר אַז זִי הָאט פַארְבִּיטְן דִי קִינְדֶער אוּן אִיטְלִיכֶער מֶענְשׁ הָאט זִיךְ אֵיין חָבֵר. אוּן דֶער חָבֵר הָאט נָאךְ אֵיין חָבֵר. הָאט אַזוֹי אֵיינֶער אוֹיסְגִיזָאגְט דֶעם אַנְדֶערְן. בִּיז דֶער סוֹד אִיז אַרוֹיס גִיקוּמֶען. אַזוֹי וִוי דֶער שְׁטַייגֶער פוּן דֶער וֶועלְט אִיז.

## נָאר פַאר אֵיינֶעם...

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ צוּ וִויסְן, מֶען טָאר נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן קַיין מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא, מֶען זָאגְט אוֹיס דֶעם סוֹד נָאר פַאר אֵיינֶעם, אוּן דֶער אֵיינֶער זָאגְט עֶס וַוייטֶער אוֹיךְ נָאר פַאר אֵיינֶעם בִּיז יֶעדֶער וֶוערְט גֶעוואוֹיר דֶערְפוּן.

## אַ גוּטֶער חַבֵר

מֶען דַארְף הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים אוּן דָאס אִיז גָאר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, וַוייל אַז מֶען הָאט אַ גוּטֶער חַבֵר קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אִינְאֵיינֶעם אִין עֲבוֹדַת הַשֵׁם, אָבֶּער גֶעטְרוֹיעֶן דֶעם חַבֵר מִיט פְּרִיוַואטֶע זַאכְן - דָאס נִישְׁט! עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ וִוי עֶר הָאט אַן אֱמֶת'עֶר, גוּטֶער, נָאנְטֶער חַבֵר, עֶר קֶען זִיךְ שְׁוֶוערְן אַז עֶר הָאט אַ גוּטֶער חַבֵר, אָבֶּער אִין אַ צַייט אַרוּם וֶועט עֶר זֶען וִוי זַיין בֶּעסְטֶער חַבֵר הָאט אִים חָרוּב גֶעמַאכְט זַיין לֶעבְּן.

## דִי סָארְט הֶערִינְג...

אַוודַאי דַארְף מֶען הָאבְּן 'חֲבֵרִים', מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט חֲבֵרִים, אַז מֶען טְרֶעפְט אַ חַבֵר פְרֶעגְט מֶען אִים: "וָואס הֶערְט זִיךְ?" "וָואס מַאכְסְטוּ?" מֶען גֵייט צוּ אַ שִׂמְחָה פוּן אַ חַבֵר, אוּן אֲפִילוּ יֶענֶעם פָארְהַאלְטְן "פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעקוֹיפְט צוּם קִידוּשׁ דִי סָארְט הֶערִינְג וָואס אִיךְ גְלַייךְ?!..." אָבֶּער דֶערְצֵיילְן פַאר יֶענֶעם פְּרִיוַואטֶע זַאכְן - דָאס נִישְׁט.

## דוּרְכְפֶעלֶער דֶערְצֵייל נָאר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן מִיט פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דֶערְצֵייל דָאס נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם אִין דִי וֶועלְט, כִּשְׁלוֹנוֹת אוּן **דוּרְכְפֶעלֶער דֶערְצֵייל נָאר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן**, מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט וָואס צוּ טוּן וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ, דָאס אִיז דִי עֵצָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת', זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעטוּן, אִיךְ בֶּעט דִיר זַיי מִיר** **מוֹחֵל"**, אָבֶּער סְתָּם גֵיין עֶס דֶערְצֵיילְן פַאר אַ חַבֵר?! דֶער חַבֵר וֶועט דָאס דָאךְ גֵיין אִיבֶּער דֶערְצֵיילְן פַאר זַיין חַבֵר, בִּיז יֶעדֶער וֶועט וִויסְן דֶערְפוּן.

## דִי נָאנְסְטֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיר בַּאגְרָאבְּן

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זִיךְ אָנְכַאפְּן זַיין בָּארְד זָאגֶענְדִיג: **"אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָאס גֶעלֶערְנְט אוֹיף מַיין בָּארְד, עֶטְץ דַארְפְּטְס זִיךְ שׁוֹין דָאס נִישְׁט לֶערְנֶען אוֹיף עֶנְקֶער בָּארְד; אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ וִוי 'חֲבֵרִים' נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וִוי דִי נָאנְסְטֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיר בַּאגְרָאבְּן!"**

## מַיין נָאנְטֶער חַבֵר קֶען נִישְׁט קוֹיפְן אַ סֶעלְפָאוֹן?

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעמֵיינְט עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ וִוי חֲבֵרִים; יָארְן צוּרִיק אִיז אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אִין כּוֹלֵל וַויינֶענְדִיג אַז עֶר וִויל קוֹיפְן אַ סֶעלְפָאוֹן אוּן עֶר קֶען נִישְׁט נִיצְן זַיינֶע אִינְפָארְמַאצְיֶע; דֶעמָאלְט הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט קוֹיפְן אַ סֶעלְפָאוֹן אָן אַרַיינְגֶעבְּן אַלֶע אִינְפָארְמַאצְיֶע, הַיינְט קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער קוֹיפְן אַ סֶעלְפָאוֹן, מֶען דַארְף דֶערְבֵּיי גָארְנִישְׁט אַרַיינְגֶעבְּן, הָאט עֶר מִיר גֶעבֶּעטְן צִי אִיךְ קֶען אִים בָּארְגְן מַיינֶע אִינְפָארְמַאצְיֶע, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט עֶר אִיז מַיין נָאנְטֶער חַבֵר, [נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן מַיין גְרֶעסְטֶער שׂוֹנֵא, עֶר הָאט מִיר גֶעשְׁלָאגְן וְכוּ' וְכוּ', עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט קַיין צַדִיק, אִיז עֶר אָנְגֶעזֶעצְט פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס, עֶר אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט חוֹבוֹת וְכוּ' וְכוּ'], אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים, מַיין הַארְץ אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פַאר אִים 'מַיין נָאנְטֶער חַבֵר קֶען נִישְׁט קוֹיפְן אַ סֶעלְפָאוֹן?' הָאבּ אִיךְ אִים גֶעבָּארְגְט אַלֶע מַיינֶע אִינְפָארְמַאצְיֶע, אוּן עַד הַיוֹם הַזֶה, שׁוֹין צְוָואנְצִיג יָאר אִין אַ צוּ, רוּפְן מִיר יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי קָאלֶעקְשָׁא"ן קָאמְפֶּענִי"ס אַיינְצוּמָאנֶען גֶעלְט וָואס עֶר אִיז זֵיי שׁוּלְדִיג אוֹיף מַיין אִינְפָארְמַאצְיֶע, בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז זֵיי וֶועקְן מִיר אוֹיף יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי... יֶענֶער אִיז נִישְׁט דָא צוּ גֶעפוּנֶען, וְאֵינֶנּוּ כִּי לָקַח אֹתוֹ אֱלֹקִים (בְּרֵאשִׁית ה, כד)... אִיךְ קוּק עֶס נִישְׁט אָן וִוי עֶר אִיז שׁוּלְדִיג, נָאר אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג אַז אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין צַדִיק וָואס זָאל מִיר דָאס לֶערְנֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי חֲבֵרִים.

## עֶר קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְפָארְן פוּן לַאנְד

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג גֶעהַאט פַארְגֶעסְן פוּן דֶעם, נָאר דָאס יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דִי אִינְגֶעלַייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל: "וואוּ אִיז ...?" [אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס אִיז מְתַרְגֵם דִי בְּרִיוו אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ], הָאט מֶען מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְפָארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דָארְט אִיז דָא אַ גֶעזֶעץ אוֹיבּ בִּיסְטוּ שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר אֵיינֶעם קֶענְסְטוּ נִישְׁט אַרוֹיסְפָארְן פוּן לַאנְד, וַוייל וֶוען נִישְׁט דָאס וֶועט וֶוערְן אוֹיס לַאנְד, אַזוֹי וֶועט כָאטְשׁ דֶער עוֹלָם וָואס וִויל אַמָאל אַרוֹיסְפָארְן פוּן לַאנְד

מוּזְן בַּאצָאלְן חוֹבוֹת... יָארְן צוּרִיק וֶוען עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט מוֹהֲרָא״ש הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן קַיין מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ הָאט עֶר אַוֶועק גֶעבָּארְגְט אַלֶע זַיינֶע אִינְפָארְמַאצְיֶע פַאר אַ חַבֵר, יֶענֶער חַבֵר הָאט אָנְגֶעזֶעצְט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט, אוּן יֶעצְט קֶען עֶר נִישְׁט אַרוֹיסְפָארְן פוּן לַאנְד.

## אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא אַזַא אַקַאוּנְט אִין בַּאנְק

אַלְס אִינְגֶערְמַאן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ גְמַ״ח, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעהַאלְטְן בַּיי מִיר גֶעלְט אוּן אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דָאס גֶעלְט אוּן עֶס אַוֶועק גֶעבָּארְגְט פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען פַאר מִיר אַזַא מִין אָפְּגְרֶינְדְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען פַאר מִיר מַמָשׁ דָאס טוֹיט, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעבָּארְגְט אוּן נִישְׁט בַּאצָאלְט אָדֶער בַּאצָאלְט מִיט פַאלְשֶׁע טְשֶׁעקְס, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא אַזַא אַקַאוּנְט אִין בַּאנְק... אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט אֵיינֶער וָואס זָאל מִיר דָאס לֶערְנֶען, קֵיינֶער הָאט מִיר גֶעלֶערְנְט דִי זַאךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי חֲבֵרִים, מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַלֶ״ף בֵּי״ת אִין לֶעבְּן.

## עֶס אִיז מַמָשׁ אַ גְזֵירָה מִן הַשָּׁמַיִם...

מִיט חֲבֵרִים קֶען מֶען שְׁמוּעֶסְן אַלֶעס, "וָואס טוּט זִיךְ?" "וָואס מַאכְסְטוּ?" "הָאסְט גֶעהֶערְט דִי נַייעֶס? בֵּיידֶע״ן אִיז גֶעוָוארְן פְּרֶעזִידֶענְט... דֶער גָאוֶוערְנֶער הָאט גֶעזָאגְט אַזוֹי אוּן אַזוֹי עֶס אִיז מַמָשׁ אַ גְזֵירָה מִן הַשָּׁמַיִם, מִיר זֶענֶען אִין גָלוּת..." - אַלֶעס קֶען מֶען רֶעדְן, אָבֶער פְּרִיוַואטֶע זַאכְן דָאס קֶען מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, נָאר פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## בַּיינַאכְט גֵייט דֶער 'מוּמְחֶה'...

וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן גֵיין רֶעדְן מִיט אַ מֶענְטְשׁ, פוּן גֵיין רֶעדְן מִיט אַ 'טֶערֶעפִּיסְט', פוּן גֵיין רֶעדְן מִיט אַ 'שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער', דוּ דֶערְצֵיילְסְט אִים דַיינֶע פְּרִיוַואטֶע זַאכְן מֵיינֶענְדִיג אַז עֶר גֵייט דִיר הֶעלְפְן, אוּן בַּיינַאכְט גֵייט דֶער 'מוּמְחֶה' אוּן דֶערְצֵיילְט עֶס אִיבֶּער פַאר זַיין חַבֵר: "עֶר אִיז דָאךְ אַ מְשׁוּגָע׳נֶער, דוּ וֵוייסְט וָואס עֶר טוּט מִיט זַיין וַוייבּ?! דוּ וֵוייסְט וָואס עֶר פַארְלַאנְגְט פוּן אִיר?! דוּ וֵוייסְט פַארְוָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶע׳גֶט?!" קוּמְט אוֹיס, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דוּ בִּיסְט מַיין חַבֵר, אִיךְ קֶען דִיר גֶעטְרוֹיעֶן מִיט אַ סוֹד, בִּיז דֶערְוַוייל מַאכְסְטוּ מִיר נָאר עֶרְגֶער מַיין מַצָב.

## דֶערְצֵייל עֶס אוֹיס פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

לָאמִיר נֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס עֵצוֹת, לָאמִיר נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז דוּ הָאסְט זַאכְן וָואס דְרוּקְט דִיר דֶערְצֵייל עֶס אוֹיס פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## מִשֹּׁכֶבֶת חֵיקֶךָ שְׁמֹר פִּתְחֵי פִיךָ

דֶער נָבִיא מִיכָה זָאגְט (מִיכָה ז, ה): "**מִשֹּׁכֶבֶת חֵיקֶךָ שְׁמֹר פִּתְחֵי פִיךָ**", אֲפִילוּ פוּן דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּהִיטְן דַיין מוֹיל; מֶען דַארְף נִישְׁט דֶערְצֵיילְן קַיין אִיבְּרִיגֶע זַאכְן פַאר דִי וַוייבּ, אַז דוּ דֶערְצֵיילְסְט אִיר אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וֶועט זִי נָאכְדֶעם נֶעמֶען דַיינֶע וֶוערְטֶער קֶעגְן דִיר. אוּן אַזוֹי זָאגְן אוּנְז אוֹיךְ דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (אָבוֹת פֶּרֶק א, מִשְׁנָה ה): "**וְאַל תַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה**", דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פַארְמֶערְן צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט פְרוֹיעֶן, "**בְּאִשְׁתּוֹ אָמְרוּ**", אֲפִילוּ מִיט דַיין אֵייגֶענֶע וַוייבּ, לִכְאוֹרָה וָואס הֵייסְט רֶעד נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ, מִיט וֶועם דֶען זָאל אִיךְ רֶעדְן? פְּלֶעגְט מוֹהֲרָא״שׁ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז דִי מִשְׁנָה רֶעדְט נִישְׁט פוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי וַוייבּ שֵׁיינֶע הִתְחַזְקוּת, אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק, אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, אַ נַייעֶס, דִי מִשְׁנָה רֶעדְט פוּן רֶעדְן אִיבְּרִיגֶע זַאכְן, דֶערְצֵייל אִיר נִישְׁט דַיינֶע זַאכְן וואוּ דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ, וָואס גֵייט אוֹיף דִיר אִיבֶּער, וִוי דֶער תַּנָא פִירְט אוֹיס: "**שֶׁאָדָם מַרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה, גּוֹרֵם רָעָה לְעַצְמוֹ, וּבוֹטֵל מִדִּבְרֵי תוֹרָה, וְסוֹפוֹ יוֹרֵשׁ גֵּיהִנֹּם**", אַז מֶען רֶעדְט אִיבְּרִיגֶע רֵייד צוּ דִי וַוייבּ, זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט רֶעדְן, קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס דֶערְפוּן קַיין גוּטְס נָאר דָאס פַארְקֶערְטֶע.

## פַּאזֶעטִיוֶוע אַנֶערְקֶענוּנְג

צוּ אַ וַוייבּ דַארְף מֶען רֶעדְן נָאר פַּאזֶעטִיווּ; זוּךְ נִישְׁט קַיין נֶעגֶעטִיוֶוע אַנֶערְקֶענוּנְג פוּן דַיין וַוייבּ, "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם", "קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט", דָאס זָאלְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן פַאר דַיין וַוייבּ, פוּן דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ זוּכְן אַנְדֶערֶע אַנֶערְקֶענוּנְג, פַּאזֶעטִיוֶוע אַנֶערְקֶענוּנְג.

## קָאוּטְשׁ בָּאסֶעס, פֶּענְדְלֶעךְ, פַּאקְלֶען, קְרוֹינֶען אוּן פֶּעקְלֶעךְ, וַוייסֶע פֶערְדֶען...

אִיךְ זֶע אַן עוֹשֶׁר הָאט אָנְגֶעקְלֶעבְּט גַאנְץ ווִילְיַאמְסְבּוּרְג מִיט צֶעטְלֶעךְ אַז עֶר גֵייט מַאכְן אַ 'הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה' שְׁטֵייט אוֹיף דִי מוֹדָעוֹת: "לֶענְגְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן וֶועג וֶועלְן נָאכְפָארְן פוּן אוּנְטְן עִיר קָאנְדִישָׁאנְד קָאוּטְשׁ בָּאסֶעס, בַּאזוּנְדֶער פַאר מֶענֶער אוּן בַּאזוּנְדֶער פַאר פְרוֹיעֶן, פַאר עֶלְטֶערֶע מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן וֶועמֶען עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ גֵיין צוּפִיס אַזַא לַאנְגֶע וֶועג", "לִכְבוֹדָהּ שֶׁל תּוֹרָה וֶועט זַיין סְפֶּעצְיֶעלֶע פֶּענְדְלֶעךְ, פַּאקְלֶען, קְרוֹינֶען אוּן פֶּעקְלֶעךְ וָואס וֶועט וֶוערְן אוֹיסְגֶעטֵיילְט פַאר דִי תִינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן", "וִוי אוֹיךְ וֶועלְן סְפֶּעצְיֶעלֶע מַלְכוּת׳דִיגֶע וַוייסֶע פֶערְדֶען מִיט וָואגָאנֶען אָנְגֶעלָאדֶענְט מִיט קַאלְטֶע פְלֶעשֶׁער וַואסֶער פָארְן לֶענְגְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן וֶועג", "מֶען וֶועט זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן בַּיי עֶטְלִיכֶע אַדְמוֹרִי״ם"... וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה? נָאר וֶוען קֶען אַן עוֹשֶׁר בַּאקוּמֶען זַיין כָּבוֹד אוּן אַנֶערְקֶענוּנְג? וֶוען עֶר מַאכְט חֲתוּנָה אַ קִינְד, פַאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי חֲתוּנָה אַ רִיזִיגֶע מַצָב, בַּיי דִי חוּפָּה אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן בֵּיידֶע זַייטְן וַואסֶערְן... אָבֶער אַז מֶען הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דִי קִינְדֶער וואוּ קֶען מֶען יֶעצְט בַּאקוּמֶען כָּבוֹד אוּן אַנֶערְקֶענוּנְג? דֶערְפַאר מַאכְט מֶען אַן הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה מִיט קָאוּטְשׁ בָּאסֶעס אוּן וַוייסֶע פֶערְד...

### אַ גוטע וועג פון זוכן אַנערקענונג

דאס איז אָבער זייער אַ גוטע וועג פון זוכן אַנערקענונג, אָבער די אַנדערע וועג פון זאגן "קיינער דאַרף מיך נישט", "איך בין אַ רחמנות" - דאס זאגסטו פאר דיין ווייב?! אינדערהיים רעד נאר פאַזעטיוו, אַזוי וועט כאָטש איינער האלטן פון דיר, זי וועט כאָטש האלטן פון דיר, זי וועט רעדן שיין צו דיר.

### "עס קומט אים מער נישט אַזא גוטע אַרבעטער ווי מיר"...

אַז מען האט דיר אַרויסגעוואָרפן פון דיין אַרבעט, דאַרפסטו דאס נישט דערציילן פאר דיין ווייב, זאג איר: **"איך האב באַשלאָסן אַז עס קומט אים מער נישט אַזא גוטע אַרבעטער ווי מיר"**... פאַרוואס דאַרפסטו איר דערציילן "איך האלט שוין ביי מיין דריטע, פערטע, פיפטע, אַכטע אַרבעט וואס מען האט מיר אַרויסגעוואָרפן"?! אינדערהיים מוז מען רעדן נאר גוטע נייעס, נאר פאַזעטיווע נייעס.

### וואו חברים?! ווען חברים?!

אַז דו האסט נישט קיינעם, דו האסט נישט קיין חברים, איז וואס? וואו חברים?! ווען חברים?! וואס איז חברים?! עס איז נישט דא נאך אַזא ליגענט ווי חברים! קוק צוריק דיין עבר וועסטו זען, האסט זיך אַוועק געהרג'עט פאר דיינע חברים, האסט אַוועק געגעבן דיין לעבן פאר דיינע חברים, האסט געטון דאס און יענץ פאר חברים און וואס וואס האסטו מיט אים היינט?!

### אַ מצוה בלייבט אויף אייביג

מען רעדט נישט פון טון אַ חסד, אַ מצוה, אַ גמילת חסד פאר אַ חבר - דאס בלייבט יא אויף אייביג, דאס בלייבט לעולם ועד, אָבער אַז דער חבר רופט דיך צו גיין ערגעץ און דיין ווייב וויל נישט דו זאלסט גיין אהין, רעדסטו איבער דיין ווייב צו גיין צו דיינע חברים?! אַ צייט שפעטער האסטו שוין גאַרנישט מיט יענעם, דו רעדסט שוין נישט מיט יענעם, דו האסט שוין גאַרנישט מיט יענעם.

### אויב אַ מענטש האט אַ חבר - איז דאס זיין ווייב

מוהר"ש פלעגט זאגן: **"אויב אַ מענטש האט אַ חבר - איז דאס זיין ווייב"**; דאס מיינט צו זאגן, אַ מענטש איז איינער אַליינס, אַ מענטש האט קיינעם נישט אויף די וועלט אפילו נישט זיין ווייב, אָבער אויב ער וויל יא זיין מיט חברים איז דאס זיין ווייב און קינדער.

### עס איז צוויי פאַרקערטע 'אַליינס'

דער אמת איז, אַ מענטש איז 'איינער אַליינס', אָבער ער קען האבן 'דעם אייבערשטן אַליינס'; עס איז צוויי פאַרקערטע 'אַליינס', מען קען זאגן: "איך בין איינער אַליינס" - דאס איז זייער נישט גוט, אָדער קען מען זאגן: "איך האב דעם אייבערשטן אַליינס", דאס איז העכסטע זאך אויף די וועלט, דער מענטש איז נישט אַליינס ווייל ער שפירט ווי ער האט דעם אייבערשטן אַליינס!

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן לעבן מיט'ן הייליגן רבי'ן און מיר זאלן פאַלגן דעם רבי'נס עצות, נישט דערציילן פאר קיינעם פריוואַטע זאכן, נאר רעדן צום אייבערשטן אַלעס וואס דרוקט אויפ'ן הארץ וועלן מיר האבן אַ שיינע לעבן, אמן.

נאכ'ן שיעור האט דער ראש ישיבה שליט"א געזונגען דעם ניגון: **"אַשרינו מה טוב חלקינו שזכינו להתקרב לרבינו..."**

צעשמאלצן פון די קינדער, מען זאל דיך נישט פאַלגן, ווי אַזוי גייסטו דאס האַנדלען?!

### פּרוּביר אַ אַנדערע וועג

מען דאַרף זיין שטרענג, עס דאַרף זיין דיסציפּלין אין קלאַס; יעדער מלמד האט זיך זיין וועג, יעדע לערערין האט זיך איר מעטאד ווי אַזוי איינצושטעלן סדר אין קלאַס, אָבער איך וויל ענק דערמאַנען אַז קינדער זענען נישט שלעכט, אפילו דאס קינד וואס לאַכט זיך אויס און פאַלגט נישט, איז דאס נישט אַ 'שלעכט קינד', פּרוּביר רעדן צו אים אויף אַ אַנדערע וועג.

### אפשר ווילסטו אויסהערן דיין אינטערוויו?!

בפרט מיר ברסלב'ע חסידים האבן דאך די עצה פון רבי'ן, די עצה פון התבודדות, גיי אין אַ זייט און זאג פאר'ן אייבערשטן: **"הייליגער באַשעפער איך קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט דעם קינד"**, וועסטו זען אַז דערמאָלט וועט קומען די ישועה, ווייל ווילאַנג מען טראַכט 'איך בין שוין אַ געלונגענער מלמד', בפרט דו האלטסט שוין דרשות אויפ'ן מלמדים שטיבל פון 'קול ברסלב', ביסט מסביר ווי אַזוי מען דאַרף רעדן צו אַ קינד, ווי אַזוי מען דאַרף זיך אומגיין מיט אַ קינד, און אַז מען דאַרף האבן סבלנות פאר זיי, מאָרגן האט ער שוין אַלעס פאַרגעסן, ער פראַסקעט שוין, ער שלאָגט שוין, ער פאַרשעמט שוין, ער קלאַפּט שוין אַראָפּ אַ קינד, אפשר ווילסטו אויסהערן דיין אינטערוויו וואס דו האסט נעכטן געגעבן? פאַלג דיינע שיינע שמועסן וואס דו אַליינס האסט נעכטן געזאָגט... דערפאַר איז נאר דא איין עצה, גיי אין אַ זייט און זאג: **"הייליגער באַשעפער איך קען זיך נישט קיין עצה געבן, איך בעט דיר גיב מיר כח"**, **"הייליגער באַשעפער איך ווייס נישט וואס צו טון, קום מיט מיר אין כתה"**, דערמאָלט באַקומט מען די ישועה.